**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/7/2021 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון 20 מיליאן דאלערדיגע צוגענגליכע האוזינג דעוועלאפמענט אין יוטיקע**

***'דע לינק עט סאָנסעט' ערזעצט א לאנג-אויסגעליידיגטע שולע מיט 60 דירות פאר פאמיליעס און יחידים וועלכע נויטיגן זיך אין שטיצע סערוויסעס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן דער פארענדיגונג פון א 20 מיליאן דאלערדיגע האָוזינג קאמיוניטי אין יוטיקע. 'דע לינק עט סאָנסעט' ערזעצט די לאנג-אויסגעליידיגטער 'סאָנסעט' שולע מיט 60 צוגענגליכע דירות ארייננגערעכנט 12 דירות באשטימט פאר ערוואקסענע מיט אינטעלעקטועלע אדער אנטוויקלונג אומפעאיגקייטן און וועלכע וועלן האבן צוטריט צו שטיצע סערוויסעס אויפ'ן פלאץ.

"דאס צושטעלן צוגענגליכע און אונטערהאלטנדע האוזינג איז א קריטישער שטאנדטייל פון סיי וואספארא בליענדער קאמיוניטי," **האט גאווערנער קעטי האקול געזאגט.** "'דע לינק עט סאָנסעט' סערווירט יוטיקע אין אומצאליגע וועגן, נישט נאר דורך ערזעצן א צופאלענע שולע מיט א מאדערנער האָוזינג אנטוויקלונג, נאר עס וועט אויך באזארגן העכסט-נויטיגע סערוויסעס צו די וועלכע נייטיגן זיך אין זיי די מערסטע. יעדע ניו יארקער קומט זיך א זיכערע ארט אפצורוען דעם קאפ בייננאכט און מיט אזעלכע פראיעקטן ווי די ארבעטן מיט צו פארברייטערן צוטריט צו האָוזינג פאר יעדן."

'דע לינק עט סאָנסעט' דעוועלאפמענט האט ארייננגענומען דאס צעווארפן די לאנג-אויסגעליידיגטער און נאכגעלאזטער 'סאָנסעט' סקול. דער ניי-געבויטער דעוועלאפמענט איז א פיר-שטאקיגע געביידע מיט 60 דירות. אכט און פערציג דירות וועלן זיין גענוג צוגענגליך פאר פאמיליעס וועלכע פארדינען 80 פראצענט אדער ווייניגער פון די ארטיגע דורכשניטליכע איינקונפט.

צוועלף דירות זענען באשטימט פאר יחידים וועלכע וועלן האבן צוטריט צו שטיצע סערוויסעס אויפ'ן פלאץ. סערוויסעס און רענט סובווענצן ווערן פינאנצירט דורך דער ניו יארק סטעיט אפיס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס אינטעגרירטע שטיצנדע האָוזינג פראגראם. דער סערוויס פראָווידער איז דער קעלבערמאן צענטער, וואס איז אויך דער פראיעקט דעוועלאפער.

די געביידע'ס ערשטע שטאק אנטהאלט א 7,000-סקווער פיסיגע קאמערציעלע ארט פאר'ן באניץ פון דעם קעלבערמאן צענטער פאר אדמיניסטראטיווע אפיסעס און גאנץ-יעריגע פראגראמירונג פאר די מענטשן וועמען זיי שטיצן, ארייננגערעכנט פארקומענישן פאר יעדער וואס וואוינט ביי 'דע לינק'. דער קעלבערמאן צענטער, אן אפיליאט פון 'אָפסטעיט קעירינג פארטנערס אינק.', איז דער פירנדער באזארגער פון אוטיזם סערוויסעס פאר קינדער, ערוואקסענע און פאמיליעס אין דער מאוהאק וואלי און צענטראל ניו יארק. דער קעלבערמאן צענטער באזארגט ספעציעליזירטע פראגראמען, הילפס-מיטלען און שטיצע סערוויסעס צו העלפן שאפן סיפוק'דיגע לעבנס-עררייכערנדע דורכלעבענישן פאר יחידים און פאמיליעס.

דער פראיעקט איז אין איינקלאנג מיט דער ׳ענטערפרייז גרין קאמיוניטיס׳, דער סטאנדארט פאר שטאנדהאפטיגע צוקונפטן און דעם לאנד׳ס גרינע געבוי פראגראם געאייגנט אויסדרוקליך פאר גרינע צוגענגליכע האָוזינג קאנסטרוקציע און די EPA׳ס ווערסיע 3.1 פון דעם ענערדזשי סטאר באשטעטיגטע וואוינונגען פראגראם. דער פראיעקט׳ס מעכאנישע סיסטעמס נעמען אריין ערהוילונג ווענטילאטארס פאר הייצונג און ווענטילאציע מיט צענטראל עיר קאנדישען פאר יעדן יוניט. קאנסטרוקציע טוט אויך איינקערפערן ענערגיע-שפארעדיגע פראקטיצירונגען און אויסריכטונגען ווי צ.ב.ש. עפלייענסעס, הייסע וואסער פראדוקציע, פענצטער, באלייכטונג, אינסולעישען און לופט פארקלעבן.

נאך רעזידענשעל באקוועמליכקייטן רעכענען אריין א פיטנעס צענטער, לאונדזשעס און א קאמיוניטי צימער. די דעוועלאפמענט געפונט זיך אין א פיסגייער-גינציגע געמישטע-באניץ געגנט מיט ריטעיל געשעפטן און קאמערציעלע ביזנעסער און איז נאענט צו פובליק טראנספארטאציע.

סטעיט פינאנצירונג רעכנט אריין פעדעראלע און סטעיט נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיטס וואס וועלן ברענגען 13 מיליאן דאלער אין עקוויטי און 3.7 מיליאן דאלער אין סאָבסידי פון די ניו יארק סטעיט ׳האומס ענד קאמיוניטי רינויועל׳. OPWDD גיבט 1.8 מיליאן דאלער און NYSERDA גיבט 60,000 דאלער אין שטיצע. דער מאוהאק וואלי ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל האט רעקאמענדירט א רונדע 9 קאפיטאל פאָנד גרענט דורך ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ פאר 380,000 צו געניצט ווערן פאר צוווארפן און קאנסטרוקציע קאסטן אין אויסטויש פאר דאס שאפן 12 דזשאבס. די שטאט יוטיקע באזארגט 300,000 דאלער.

׳דע לינק עט סאָנסעט׳ איז טייל פון די סטעיט'ס פרעצעדענטלאזע 20 ביליאן דאלערדיגע, פינף-יעריגע האוזינג פלאן צו מאכן האוזינג צוגענגליך און צו באקעמפן היימלאזיגקייט דורך בויען אדער אפהיטן איבער 100,000 צוגענגליכע היימען און 6,000 וואוינונגען מיט שטיצנדע סערוויסעס. זינט 2011, האט די ניו יארק סטעיט ׳האומס ענד קאמיוניטי רינויועל׳ אינוועסטירט איבער 265 מיליאן דאלער אין דער מאוהאק וואלי, וואס האט געשאפן אדער פרעזערווירט איבער 2,500 צוגענגליכע וואוינונגען.

**HCR קאמישענער רוט-ענע וויסנאוסקאס האט געזאגט,** "שטעט ווי יוטיקע בליען ווען פאמיליעס האבן צוטריט צו ארנטליכע צוגענגליכע היימען אין די געגנטער וואס זיי וועהלן אויס. אונזער אינוועסטירונג אין ׳דע לינק עט סאָנסעט׳ שאפן 60 ענערגיע-שפארעדיגע דירות אין א הערליכע נייע געביידע וואס פארשטערקערט זיכערהייט און לעבנס-קוואליטעט פאר דער גאנצער קאמיוניטי. מיט דאס אריינגעמען 12 שטיצנדע וואוינונגען און קאמערציעלע ארט פאר׳ן קעלבערמאן צענטער, וועט ׳דע לינק עט סאָנסעט׳ ערררייכערן די לעבנס פון יחידים מיט אינטעלעקטועלע און אנטוויקלונג דיסאביליטיס און זיי העלפן דערגרייכן זעלבסטשטענדיגקייט. מיר שטאלצירן זיך צו זיין א טייל פון דער באגייסטערנדע דעוועלאפמענט און מיר זענען דאנקבאר צו אונזערע פילע סטעיט און ארטיגע צוזאמענארבעטער פאר זייער שטיצע."

**ניו יארק סטעיט אפיס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג אומפעאיגקייטן במקום קאמישענער קערי נייפעלד האט געזאגט,** "OPWDD איז באגייסטערט צו זיין א טייל פון א פראיעקט וואס טוט אנבאטן הערליכע, מאדערנע, קאמיוניטי-באזירטע דירות צו מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאַביליטיס, אזוי ווי עס טוט ׳דע לינק עט סאָנסעט׳. מיר זענען אנטשלאסן ווייטער צו שטיצן פראיעקטן ווי דער דאזיגער אזוי ווי מיר זוכן אויס נייע און אינאווירנדע האָוזינג געלעגנהייטן פאר די נויטבאדערפטיגע."

**דאריען עם. האריס, פרעזידענט און CEO פון NYSERDA, האט געזאגט,** "NYSERDA פריידט זיך צו זען דער פארענדיגונג פון ׳דע לינק עט סאָנסעט׳, וואס וועט באזארגן צוגענגליכע האָוזינג פאר יוטיקע׳ס נידעריגע איינקונפט איינוואוינער וואס איז שטיצנד, געזונט און ענווייראנמענטאל פאראנטווארטליך. דער פראיעקט, אינאיינעם מיט אנדערע לענגאויס דעם סטעיט, צייגט אז נייע

קאנסטרוקציע קען זיין קאסט-גינציג און אין דער זעלבער צייט איינקערפערן אינדוסטריע-פירנדע ענערגיע-שפארעדיגקייט פראקטיצירונגען און אויסריכטונגען וואס טוט פאראויס-פירן אונזערע באמיאונגען צו רעדוצירן שעדליכע עמיסיעס."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ במקום קאמישענער און פרעזידענט און CEO-דעזיגנירט האופ נייט האט געזאגט,** "לאנג-טערמיניגע שטיצע, איבערהויפט האָוזינג וואס באזארגט סערוויסעס און בילדונג געלעגנהייטן פאר מענטשן מיט דיסאַביליטיס, איז העכסט-נויטיג פאר עקאנאמישע ערפאלג פון יעדער קאמיוניטי. ׳דע לינק עט סאָנסעט׳ באזארגט נישט נאר די שטיצע פאר די וועלכע וואוינען אין דער געביידע נאר עס וועט אויך העלפן הונדערטער אנדערע לענגאויס דער מאוהאק וואלי."

**קעלבערמאן צענטער עקזעקיוטיוו דירעקטאר טארא קאסטעלא האט געזאגט,** "דער קעלבערמאן צענטער שטאלצירט זיך און איז באגייסטערט צו מאכן איר וויזיאן פון הויכע-קוואליטעט, זיכערע, צוגענגליכע און קאמיוניטי צענטראליזירטע לעבן א ווירקליכקייט. דאס שאפן פון ׳דע לינק׳ האט פארלאנגט א געווידמעטע מאנשאפט פון צוזאמענארבעטער וועלכע האבן געהאלפן דעם פראיעקט קומען צו דער ווירקליכקייט אין א צייט ווען די גאנצע וועלט איז איבערגעקערט געווארן דורך אן אלוועלטליכער פאנדעמיע. איך קען נישט גענוג באדאנקען די הויפט ראלע-שפילער פאר זייער פעסטקייט און פאר מאכן דעם מאנומענטאלע פראיעקט א ווירקליכקייט. ׳דע לינק׳ איז באמת א הערליכע געביידע וואס טוט נישט נאר פארטרעטן די באוועגונג צו הויכע-קוואליטעט לעבנס אפציעס פאר מענטשן מיט אלע סארטן פעאיגקייטן, נאר עס שפיגלט אויך אפ די שווערע ארבעט און טריישאפט פון אזוי פיל אין לויף פון א גאר שווערע צייט. דער קעלבערמאן צענטער איז דאנקבאר פאר די שטיצע פון אזוי פיל."

**סענאטאר דזשאן דאָבליו. מעניאן, פארזיצער פון דער סענאט דיסאַביליטיס קאמיטע, האט געזאגט,** "׳דע לינק עט סאָנסעט׳ האט טראנספארמירט אן אויסגעליידיגטע געביידע אין יוטיקע אויף א טעכנאלאגיש פארגעשריטענע מוסטער פאר צוגענגליכע שטיצנדע האָוזינג פאר ניו יארקער מיט אן I/DD. ׳דע לינק׳ גיבט מיך האפענונג אז מיר וועלן ווייטער פארברייטערן שטיצנדע האָוזינג אפציעס צו טרעפן צו די געברויכן פון די דיסאַביליטיס קאמיוניטי. איך גיב איבער מיין דאנקבארשאפט צו גאווערנער האקול און איר מאנשאפטן ביי HCR און OPWDD פאר׳ן מאכן ׳דע לינק׳ א פריאריטעט, און צו דער קעלבערמאן צענטער פאר איר אנטשלאסנקייט צו דער מאוהאק וואלי."

**מעיאר ראבערט פאלמיערי האט געזאגט,** "דער פראיעקט איז א גאר גוטעביישפיל פון פובליק-פריוואטע צוזאמענארבעט וואס העלפט אדרעסירן א הויפט נויט אין אונזער קאמיוניטי. איך דאנק אלע סטעיט אגענטורן און ארגאניזאציעס וועלכע האבן געארבעט אינאיינעם איבערצומאכן אן אויג-פארבלענדעניש אויף נייע האוזינג יוניטס פאר יוטיקע איינוואוינער."

**אָניידע קאָונטי עקזעקיוטיוו אנטאני דזשעי. פיצענטע דזר. האט געזאגט,** "דער קעלבערמאן צענטער טוט ריזיגע ארבעט דורך דער אָניידע קאָונטי און דער נייער ׳לינק עט סאָנסעט׳ איז א הויפט ביישפיל פון דעם בענעפיט וואס זיי ברענגען צו אונזער קאמיוניטי. דער פראיעקט ברענגט נייע לעבן צו א לאנג-אויסגעליידיגטע פּראָפּערטי און טוט נישט נאר ערפילן די נויט פון אן אונטערסערווירטע באפעלקערונג דורך צושטעלן האָוזינג און סערוויסעס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג און אינטעלעקטועלע דיסאַביליטיס, נאר עס טוט אויך ליפערן צוגענגליכע האָוזינג וואס איז גאר נויטיג פאר אנדערע. איך אפלאדיר דעם פראיעקט און איך דאנק יעדער וואס האט געשפילט א ראלע איז דאס ברענגען צו דער ווירקליכקייט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418